## לכבוד יומא דהילולא של אותו צדיק,
## ממייסדי החסידות באונגארן - י"ד אב תרל"ד



# בית צדיקים יעמוד

### די שוהל אין ליסקא געבויט געווארן דורך הרב הקדוש בעל אך פרי תבואה מליסקא זי"ע

### ווערט גערעטעוועט דורך עסקני ק"ק ליסקא אין אמעריקע, להחזיר עטרה ליושנה

ליסקא, אונגארן. אט אין די שטעטל האט זיך אנגעהויבן חסידות אין אונגארן. פון דא האט די אור פון חסידות זיך פארשפרייט ביז עס האט באלאכטן גאנץ אונגארן און געשאנקען די אור החסידות פאר אונזערע זיידעס.

די שיינקייט פון ליסקא איז געווען דאס הייליגע שול וואס דער ראש השושלת, דער הייליגער רבי ר' הערשעלע ליסקער זי"ע בעל אך פרי תבואה האט געבויעט. ביז אין די שפעטע תש"כ יארן ווילאנג עס האבן נאך געוואוינט אידן ליסקא איז דער הייליגער שול געשטאנען עומד על תילה. הרה"ח ר' עוזר דוב ראטה ע"ה וועלכער איז געווען דער לעצטע געבליבענע איד וואס האט געוואוינט אין ליסקא האט געשריבען צו דער פריעדיגע רבי, כ"ק אדמו"ר רבי יוזפא זצ"ל מליסקא אין תשכ"ט אז ער ווערט שוין עלטער און קען שוין נישט בלייבן אין ליסקא, און ער ציט זיך אריבער צו א מושב זקנים אין בודאפעסט. פון דאנעט אין ווייטער איז דער שול ליידער געווארן ארויס פון באנוץ רח"ל. צוביסלעך האבן די גוים חרוב געמאכט דאס הייליגע ארט, ביז אין יאר תשל"ט איז איבערגעבליבן בלויז דער איינער "כותל המזרחי".

איצט לכבוד די יארצייט פון הגה"ק יומא דהילולא של רבן של ישראל, ממייסדי החסידות באונגארן, מרן הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע בעל אך פרי תבואה, איז פארענדיגט געווארן דאס פרעזערווירען פון דער איבערגעבליבענעם "כותל המזרחי", ווי אויך איז געבויט געווארן א חומה בצורה ארום דעם גאנצן פונעם ארגינעלע שול, איבערהויפט איז איבערגעבויעט געווארן דער "כותל המערבי" וואס איז געווען די ארגינעלע אריינגאנג, ווי אויך פענסטער און אנדערע דעטאלן אין די פונקטליכע פארמאט פונעם ארגינעלן שול.

*

"דאס וואס א איד לערנט אין בית המדרש ווערט נישט פארגעסן ווערן, וויבאלד דער מקום אין ווי ער לערנט איז א מקום קדוש" - האט הרה"ק בעל אך פרי תבואה זי"ע נאכגעזאגט בשם ספרים הקדושים ביי א דרשה פאר א חנוכת בית הכנסת, זאגענדיג דערביי - "דאס איז די כוונה אינעם פסוק (תהלים פז ב) אוהב ה' שערי ציון מכל משכנות יעקב, אז לערענדיג אין "שערי ציון" אין בית המדרש, איז סאך בעסער ווי לערנען "מכל משכנות יעקב" פון סיי וועלכע אנדערע ארט ווי מ'לערנט.

דער "אך פרי תבואה" ווען ער האט נאר גע'דרש'נט ביי א מסיבה לכבוד א חנוכת בית הכנסת ובית מדרש האט ער שטארק ארויס געברענגט דער חשיבות און הייליגקייט אז דאס איז פארבינדן אויך מיט לימוד התורה. אין יאר תרכ"ט ביי א חנוכת בית הכנסת אין "גאוואו" (א שטעטל ווי נכדו הגה"ק דער "שערי הישר" מליסקא זצוק"ל הי"ד האט משמש געווען ברבנות פאר עטליכע יאר) האט דער ליסקא רב געזאגט (געדרוקט אין ספה"ק הישר והטוב ח"ב דף תיח) "...גערעכט אז מצות בית הכנסת האט גאר א גרויסע ענין, אבער ס'נאך מער ווי דעם, דאס איז וויבאלד דער תורה און תפלה וואס מ'לערנט און מ'דאווענט אינעם בית הכנסת איז סאך מער חשוב'ער ווי דער בית הכנסת זעלבסט, וויבאלד דער בית הכנסת איז דער פלאץ ווי מ'מאכט דער הכנה צו דעם מצוה, און הכנה למצוה איז גרעסער אין חשיבות ווי דער מצוה זעלבסט..."

*

אין א דרשה אין ישוב "אדאן" צום חנוכת בית הכנסת האט דער ליסקא רב ארויסגעברענגט דער נקודה אביסעל שטערקער, זאגענדיג בתוך דבריו: ...אוהב ה' שערי ציון שערים המצויינים בהלכה, דער תורה וואס מ'לערנט אין בתי כנסיות ובתי מדרשות איז פיל חשוב'ער "מכל משכנות יעקב" פון דער עצם בויען פון דער בתי כנסיות ובתי מדרשות זעלבסט, ווייל הגם דאס בויען א בית הכנסת איז א געוואלדיגע גרויסע מצוה ווייל דאס איז "כאילו בנה אחת מחורבות ירושלים, בכלל איז דאס א מקדש מעט, מכל מקום דער עיקר תפקיד דערפון איז כדי צו קענען מקיים זיין די התנהגות פון דעם בית הכנסת ובית המדרש דורך נישט רעדן קיין שיחות חולין און דברים בטלים ווען מ'געפונט זיך אין איה, נאר זיך אויפירן באימה וביראה, און אט דאס איז פיל חשוב'ער ווי דעם בויען זעלבסט, ממילא ווען אידן בויען טאקע א בית הכנסת און א בית המדרש דארף מען אויף זיך מקבל זיין אלע דינים וואס זענען נוגע, אין וועגן דעם איז דער מנהג ישראל ביים מחנך זיין א בית הכנסת, באנייט מען דאס גלייך מיט תורה ותפלה אינאיינעם, ווייל דוקא דורך זיי ביידע, תורה ותפלה, מיט דעם ווערט נשלם דאס בויען פון דער בית הכנסת ובית המדרש.

*

אמאל האט דער ליסקא רב מעורר געווען אז יעדער איינער זאל זען צו מאכן דאס בית הכנסת און בית המדרש פאר א קבועות, נישט סתם אז



כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א ואחיו כ"ק אדמו"ר מהיבנוב שליט"א אין די שוהל אין ליסקא

עס זאל אויסזען ווי א עראי'דיגע זאך. און מיט דעם ערקלערט דער פסוק "מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל", די פשוטי עם גייען טאקע אין בית הכנסת און בית המדרש בדרך עראי בבחינת "אהליך יעקב", אהל איז עראי, יעקב איז די פשוטי עם, איז מה טובו אויך גאנץ גוט, אבער סאך בעסער איז "משכנותיך ישראל" ווי די חשובי ישראל טוען, וואס מאכן די בתי כנסיות ובתי מדרשות פאר א דירת קבע.

*

דער ליסקא רב זייענדיג א נאה דורש ונאה מקיים האט זעלבסט זיך אריין געלייגט ראשו ורובו אינעם ענין פון בויען און מחנך זיין א בית הכנסת אין "ליסקא" זעלבסט.

*

אין שטאט ליסקא איז געווען דער גרויסע שטאטישע בית הכנסת ווי דער המון עם האבן געדאווענט. דעם בית הכנסת האבן די ערשטע תושבים מחנך געווען ערגעץ ווען אין די אנהייב ת"ק יארן. דער נוסח התפלה איז אלעס געווען אויף נוסח אשכנז ווי אין רוב שטעט אין אונגארן בימים ההם.

שפעטער ווען הגה"ק מליסקא זי"ע האט חתונה געהאט קיין ליסקא האט ער אויך געדאווענט אין דעם בית הכנסת. טלית ותפילין האט ער אנגעטוען ביי זיך אינדערהיים און אזוי געגאנגען צום בית הכנסת דאווענען. יארן שפעטער ווען ער האט שוין געהאט זיין אייגענע בית המדרש נעבן ביתו נאוה קודש איז דאס נישט געווען אזא רבותא, דער חידוש איז אז ער האט זיך שוין געפירט אזוי אלס יונגערמאן, אפילו דער בית הכנסת איז געווען היפש א מהלך צו גיין.

ווי אויך געלערנט בחברותא אינאיינעם מיט הגה"ק רבי מנחם א"ש אבד"ק אונגוואר, וואס איז געווען א איידעם ביי איינע פון די נגידים אין שטאט ליסקא, צוזאמען האבן זיי פארברענגט אין תורה לערנענדיג אין דער עזרת נשים פון דעם בית הכנסת. יארן שפעטער ווען דער ליסקא רב האט מספיד געווען רבי מנחם א"ש האט ער געוויזן צום מזרחית צפונית ווינקעל פונעם בית הכנסת, זאגענדיג: דא האט דער גרויסער צדיק אויסגעגאסען זיין הארץ מיט טרערן פאר'ן הייליגן באשעפער.

*

אלץ ליסקא רב האט דער "אך פרי תבואה" געדאווענט אין זיין אייגן בית המדרש, אבער ימים טובים איז ער יא געגאנגען דאווענען אינעם שטאטישע בית הכנסת צוזאמען מיט בני קהילתו.

ווען דער "אך פרי תבואה" האט געדאווענט יום טוב אין שטאטישע בית הכנסת ווי מען האט געדאווענט בנוסח אשכנז ווי אויבן דערמאנט, בכל זאת האט ער משנה געווען דעמאלס און געדאווענט נוסח ספרד. איין יום טוב צופרי האט דער "אך פרי תבואה" געזאגט פאר זיין איידעם הגה"ק רבי יוזפא גאלדבערגער זצ"ל: זעה נאר, איך האב קיין מנוחה נישט פון דאס וואס איך בין משנה דער סדר אין בית הכנסת פון נוסח אשכנז וואס די זקנים פאר מיר האבן קובע געווען, אויף נוסח ספרד. אפילו ער איז בכלל נישט געווען באקוועם מיט דער פאקט אז ער טוישט דעם נוסח, האט ער זיך נישט צוריק געהאלטן אין ווייטער געדאווענט נוסח ספרד אינעם בית הכנסת. אויסער צוויי זאכן האט ער יא געטוען בנוסח אשכנז, דער סדר עבודה יום כיפור האט ער געזאגט בנוסח אשכנז, ווי אויך די נענועים מיט'ן לולב ווען ער האט געשאקעלט אין בית הכנסת איז דאס אויך געווען אויפ'ן סדר פון נוסח אשכנז. די סיבה פארוואס די צוויי זאכן האט ער יא געטוען אויף נוסח אשכנז איז געווען וויבאלד ער האט נישט געוואלט מבלבל זיין די פשוטי עם, אויב גייט ער משנה זיין פון דעם וואס זיי זענען געוואוינט צו טוען.

*

דא אין דעם בית הכנסת האט דער ליסקא רב אראפגעלייגט זיין גרויסע עבודה ראש השנה און יום כיפור, זיין באקאנטע פלאם פייערדיגע "תקיעת שופר"" און "כל נדרי" דרשות. וכמנהגו איז ער געבליבן גאנץ יום כיפור ביינאכט אינעם בית הכנסת, ווי ער האט געזאגט אינאיינעם מיט'ן עולם די שיר היחוד און גאנץ ספר תהלים און פאר א קורצע צייט זיך געלייגט שלאפן אויף די ערד פונעם בית הכנסת.

*

אמאל מוצאי יום כיפור האט דער "אך פרי תבואה" געזאגט אז ער איז נישט מרגיש אין יום כיפור דעם "ועניתם את נפשותיכם", זאגענדיג דערביי: אזוי ווי איך בין אריין אין בית הכנסת אן קיין שום תאות אכילה אזוי אויך ביים ארויסגיין פון בית הכנסת גיי איך ארויס אן קיין שום תאות אכילה.

*

אין הושענא רבה אינדערפרי איז איינער פון די חסידים געקומען צום אך פרי תבואה אויסוויינעדיג זיין הארץ איבער זיין חטאים, זאגט אים דער "ליסקא רב": זארג זיך נישט, האב קיין מורא, זאלסט זיך גוט איינהערען צו מיין דרשה וואס איך וועל שפעטער דרש'ענען אין בית הכנסת, און דעמאלס קען איך דיר צוזאגען אז עס וועט דיר גארנישט פאסירן.

עס איז געווען אין דעם בית הכנסת ווען דער "אך פרי תבואה" האט געהערט די מלאכים זינגען שירה, אזוי האט ער אליינס דערציילט, צוגעבענדיג: אז מ'זאל וויסן אז דאס גאנצע נעמט איין רגע, אויב מען איז זוכה דערצו.

*

אין יאר תרל"ג אויפ'ן פארלאנג פונעם "אך פרי תבואה" האט מען צונעמען די שול, כדי מען זאל קענען אויפבויען א גרעסערע שול. ווי פריער דערמאנט פלעגט דער "אך פרי תבואה" נישט ארויס טרעטן גאנץ יום כיפור פון דער בית הכנסת ווי אויך זיך געלייגט דארט שלאפן אויף דער ערד פאר א קורצע צייט, על כן יענעם יום כיפור פון יאר תרל"ד וואס דאס נייע שול איז נאכנישט געווען פארענדיגט האט ער געטוען דאס זעלביגע אין זיין אייגענעם בית מדרש כאטש דאס איז געווען הארט נעבן זיין הויז, און בכלל ווי באלד דער בית הכנסת איז געווען איינגעווארפן האט מען אלע ימים טובים'דיגע תפילות געדאווענט אינעם "אך פרי תבואה"ס בית המדרש.

דעם "אך פרי תבואה"ס אייגענע בית מדרש האט הנגיד מו"ה יהודא הלוי הורוויץ ז"ל פון ליסקא, ווען דער "אך פרי תבואה" האט בא'טיטולט "הרבני היקר ירא שמים, געלאזט בויען. שפעטער ווען דער גביר איז נפטר געווארן י"ב שבט פון תרכ"ח, האט דער "אך פרי תבואה" געהאלטן אויף אים א שטארקע הספד.

איידער דער לוי', האט דער "אך פרי תבואה" באפוילן אז מען זאל אריין ברענגען דעם ארון אינעם בית המדרש, כאטש עס איז געווען א



איבערגעבויעט געווארן דער 'כותל המערבי' וואס איז געוועהן די ארגינעלע אריינגאנג



איבערגעבליבען בלויז דער איינער כותל המזרחי




הנצחה וואס איז געשטעלט געווארן אויפ'ן מזרח וואנט

גרויסע טירחה, וויבאלד מען האט עס געדארפט אריינברענגען דורכ'ן חצר. מען האט טאקע אריינגעברענגט דעם נפטר אין בית המדרש און דאן האט דער "אך פרי תבואה" געזאגט זיין הספד.

דער "אך פרי תבואה" האט אנגעהויבן זיין הספד דערמאנענדיג די גמרא אין מסכת יומא, אז רבינו הקדוש האט געזאגט "ובמקומך יושיבוך ומשלך יתנו לך" (אין דיין ארט וועט מען דיך זעצן, און פון דיינס וועט מען דיר געבן), האט דער "אך פרי תבואה" געזאגט: וויבאלד דער נפטר האט זיך משתדל געווען צו בויען דעם בית המדרש דעריבער האט ער זוכה געווען אז מען זאל אים דארט מספיד זיין". דער הספד איז געדרוקט אין ספה"ק הישר והטוב.

*

דער נייער שטאטישער בית הכנסת וואס דער "אך פרי תבואה" האט געלאזט אויפבויען פון דאסניי, האט ער געבויעט עס זאל זיין גענוג גרויס אז עס זאל קענען אריינעמען אין זוך איבער 500 מענטשן, ווי אויך א גאלעריא אויבן פאר די עזרת נשים.

דאס איינווארפען פון דער אלטער און דאס צוריק אויפבויען פון דער נייע שול איז געווען אינעם לעצטן יאר פונעם "אך פרי תבואה", עס איז אים געגאנגען בנפשו צו ענדיגן די שול. ער זעלבסט האט זיך געגעבן אמאל א כאפ ארויס אז איינע פון די סיבות וואס ער וויל נאך לעבן איז, כדי צו ענדיגן בויען די שול.

ליידער האט ער נישט זוכה געווען צו ענדיגן דער שול אינגאנצן פארטיג, אבער ווי ווייט עס איז אים אנגעגאנגען דאס מחנך צו זיין, קען מען זען פון דעם וואס ממש פאר זיין פטירה, ער איז נסתלק געווארן דינסטאג פרשת עקב, דער מוצאי שבת פ' ואתחנן איידער דער הסתלקות, האט ער באפוילן פאר זיין געטרייע גבאי און קוויטל שרייבער הרבני מו"ה אברהם בירנבוים ז"ל פון שאראש-פאטיק (וואס איז נאך געווען דער גבאי ביים "ישמח משה") ער זאל שרייבן כתב-המלצות פאר עטליכע קהילות אז זיי זאלן שיקן געלט צו קענען ענדיגן בויען די שול וואס ער האט אנגעהויבן צו בויען.

דער "אך פרי תבואה" האט אים פאראויסגעזאגט דער נוסח און רבי אברהם גבאי האט געשריבן. דערנאך, טראץ זיין שוואכקייט איז ער אראפ פון זיין בעט, זיך געזעצט צום טיש און אונטערגעשריבן אויף צוויי המלצות.

*

אויף איינע פון די המלצות איז געשטאנען: ...גלוי וידוע שלא לכבודי עשיתי ולא לכבוד בית אבא (צוווארפן די אלטע שול, און אויפבויען די נייע) רק בלתי לה' לבדו, ע"כ הוא מבקש לסייע להביא הבנין לידי גמר שלא יתחלל ח"ו על ידו. א"ד ידידכם המצפה לראותכם מאפילה לאורה וכו'...

אויך אין זיין צוואה האט ער געשריבן בנוגע די כסא הרבנות און די שול: "...רק הביהמ"ד לא יהי' רשות לשום אדם לשנותו מקודשה לחול ח"ו וכו'... ויהיה אחד מבניי ראש ומנהיג דהיינו להשגיח לכל דבר הצריך וכו' כדי שיהיה מוכן לתורה ולתפלה וכו'.

**איז אלעמאל געווען חוות דעתו פון כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א אז מ'זאל נישט אריינגיסן אזוי פיל אידישע געלטער אין פלעצער וואס די רשעים האבן חרוב געמאכט, עס זאל נישט זיין בבחינת רצחת וגם ירשת.**

*

דער שול איז נתחנך געווארן ערשט שפעטער נאך דער פטירה פון מרן הגה"ק בעל "אך פרי תבואה" מליסקא זי"ע ביום י"ד אב שנת תרל"ד ווען זיין איידעם כ"ק מרן ה"טל חיים" זי"ע, האט איבערגענומען דער נזר הנשיאות והרבנות פון ליסקא. דער "טל חיים" האט צום מערסטנס שוין געדאווענט אינעם חסידישען בית מדרש, אבער ווייטער געהאלטן די תקיעת שופר און כל נדרי דרשות, שבת הגדול און שבת שובה דרשות. אזוי אויך שפעטער ביי זיין זון כ"ק מרן "שערי הישר" זי"ע הי"ד, וועלכער האט ממשיך געווען צו האלטן דרשות אינעם שול זייענדיג מרא דאתרא, ווי אויך געדאווענט די מוספים פון ראש השנה אין יום כיפור אין דעם שול.

*

היות אין די לעצטע עטליכע יאר איז געווארן אסאך גרינגער פאר קהילות בישראל צוריק אויפצובויען און אויפרישען, ווי אויך טייל מאל צוריק באקומען רשות הבעלות פון הייליגע ערטער אונטער די אייגענע האנט, אז עס זאל נישט ווערן אינגאנצען פארניכטעט. וואס ווי פארשטייט זיך קאסט די סארט פראיעקטן א הון תועפות, וויבאלד אפילו מען באקומט צוריק די בתי מדרשים און שוהל'ן אונטער די אייגענע רשות ווערן זיי דאך נישט גענוצט פאר טאג טעגליכע געברויך, איז אלעמאל געווען די חוות דעת קדשו פון כ"ק אדמו"ר מליסקא הגה"צ רבי צבי הירש פריעדלאנדער שליט"א אז מ'זאל נישט אריינגיסן אזוי פיל אידישע געלטער אין פלעצער וואס די רשעים האבן חרוב געמאכט, עס זאל נישט זיין בבחינת רצחת וגם ירשת.

מיט עטליכע יאר צוריק האט זיך געמאכט א געלעגנהייט אז הר"ר פנחס עזרא פריעדלאנדער שליט"א בן האדמו"ר מליסקא שליט"א דער באקאנטער פיגור אין הויכע ראנגיגע רעגירונגס אנשטאלטן, ווען ר' עזרא האט פארשאפט דעם קאנגרעסיאנאלן גאלד מעדאל לכבודו פון דער באקאנטער חסיד שבאומות העולם ראול וואלענבערג וואס האט געראטעוועט איבער 100,000 אונגארישע אידן, איז ער געקומען דעמאלט אין בארירונג מיט דער אונגארישע אמבאסאדער און פארהאנדעלט מיט די אונגארישע רעגירונג, און צו דעם 70'סטע יארצייט פון דעפארטאציע פון די אוגארישע אידישע באפעלקערונג האט דער אונגארישע רעגירונג און צוזאמענהאנג מיט יוראפעאישע יוניאן אוועק געשטעלט א ספיצעלע קאסע צו פרעזעווירען אידישע היסטארישע ערטער אין אונגארן.

ווי ר' עזרא גיט איבער האט ער באשלאסן ער וויל נישט אז דער פראיעקט זאל זיך געפירט ווערן פון טויזענטער מייל אוועק, האט דער אונגארישער אמבאסדאר איבערגעגעבן פאר האדמו"ר מליסקא שליט"א זייענדיג אויף א באזוך אין בארא פארק אז די שלוחי חב"ד וועלכע זענען אנערקענט עמטליך אין גאנץ אונגארן, וואס פאר זיי איז דאס אסאך גרינגער זייענדיג קבועם על מקומם אין אונגארן און פירן שוין אן נאך אנדערע פראיעקטן אין אונגארן. די עצה איז שטארק געפאלן פאר'ן ליסקא רבי וואס האט אויך הנאה געהאט אז א היימשע קערפערשאפט וועט זיך מטפל זיין מיט מקום אבותיו הקדושים זי"ע, וכך הוה. און אין דעם געלעגנהייט וויל זיך טאקע "קהל עטרת צבי ליסקא" העומד תחת נשיאותו פון האדמו"ר מליסקא שליט"א און "איגוד נכדי ליסקא רבותינו הקדושים לבית ליסקא" אויסדריקן א אות הכרת הטוב פאר הרב שלמה קאוואטש שליט"א וואס ער איז געשטאנען דורכאויס די גאנצע פראיעקט מיט געטריישאפט להחזיר עטרה ליושנה.